בס"ד

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויקרא תשפ"ד • שנה ה' • #214



צום שמייכלען:
**פריילינכע וויצן אויף צום נוצן**

אלץ און אלעמען:
**דער "אידישער" שטאט "ביראבידזשאן" אין רוסלאנד**

פאר די ברסלב'ע שטוב:
**מרדכי הצדיק'ס הכשר**

# ליהודים היתה אורה

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר גאנץ כלל ישראל א פרייליכן פורים און א שמחת תמיד


גראמעלאציעס
ווען ונהפוך איז גאר הוא
4


וועלטליכע נייעס
געהאט א קינד ביי די 88 יאר קע"ה
6


שטעטל נייעס
מצה בעקערי געעפענט צום דריטן יאר בעזרת השם
8


געדאנקען
גלייב מיר ס'טוט מיר מער ווי
10


ברסלב'ער שטוב
מרדכי הצדיק'ס הכשר
27


צום שמייכלען
פריילעכן וויצן אויף צום ניצן
22



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
ויקרא זכור י"ג אדר-ב תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 06:56
מוצאי שבת ............ 08:28

מנחה מעריב צו.... 08:15


# מזל טוב!



מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו**
**וזוגתו בילא תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

ר' אברהם יצחק לייגט אריין אסאך כח יעדן איינציגן וואך איבערצוגיין דעם בלעטל, זען עס זאל ארויסקומען א דבר השלם.

אין זכות פון דעם זאל אים דער אייבערשטער באצאלן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען ווייטער משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן א גאנץ לעבן.


## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 22 | 38°/28° | PM Snow Showers |
| Sat 23 | 41°/23° | AM Snow Showers |
| Sun 24 | 41°/24° | Partly Cloudy |
| Mon 25 | 44°/30° | Partly Cloudy |
| Tue 26 | 49°/39° | PM Showers |
| Wed 27 | 51°/38° | Showers |
| Thu 28 | 45°/34° | Showers |
| Fri 29 | 46°/32° | Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן ח"א

# בית המדרש היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זצוק״ל - בנשיאות ראש הישיבה שליט״א

27 Skillman Street, Brooklyn NY 11205

בעזהשי״ת

| | |
|---|---|
| **זמנים תענית אסתר** | תפלת מנחה ביום ה'.................................. 7:15<br>שיעור ליל שישי.......................................... 9:30 |

| | |
|---|---|
| **זמנים לימי הפורים** | זמן מוצאי שב״ק...................................................... 8:24<br>קריאת המגילה מוצאי שב״ק..................................... 8:45<br>תפלת שחרית ביום הפורים....................................... 9:00<br>קריאת המגילה........................................................ 10:00 |

**מען וועט קענען איבערגעבן משלוח מנות פאר'ן ראש ישיבה שליט״א**

**<u>נאר אין ישיבה, אנגעהויבן פון 3:00</u>**

סעודת פורים........................ 6:00

דערנאך וועט מען אי״ה טאנצן און זיך פרייען לכבוד פורים

| | |
|---|---|
| **סעודת שושן פורים 6:00** | **עס וועט זיין א שיינע פארשטעלונג דורך אינגעלייט** |

ימי הפורים וועט די ווייבער שול אי״ה זיין אפן אין אלע זמנים

**א פרייליכן פורים, הגבאים**



# גראמע-לאציעס

## ווען נהפוך איז גאר הוא

די פילע זינדן פון אידישע קינדער,
ברענגט אונז א ספר אזא וואונדער.

גיי דערצייל עס,
אז נ"ך איז געווארן א דאנק אידישע עבירות.
דער רבי זאגט ווערטער וואס געבט אונז א אנדער בליק,
ווען נישט די עבירות אלע שטיק,
וואלטן מיר נישט געהאט דעם טייערן אנטיק,
דער הייליגע נ"ך וואס איז פיל מוסר אזויפיל חיזוק.

***

דאס גרויס עניות אין תימן,
האט געברענגט א געשמאקע אייטעם צו אונזערע היימען,
נישט געווען וואס צו עסן וואס צו טרינקען,
מען האט זיך געמוזט באגעניגן מיט בלויז... טינקען,
פון א טעמעטא א צוקוועטשטע,
צוריבן מיט קנאבל א פארוועטשטע.
געווארן א מאכל... בדיעבד... יא א גוטע,
ווי צו טינקן דעם ארימען פיטא.
אויסגעזען האט עס אז מען האט נישט קיין ברירה,
היינט באשיינט עס אונזער שבת מיט א מאכל אזא טייערע.

ווער ווערט דען געבן א סקיפ,
א שבת אן טאמעטא דיפ.

***

דאס ארימקייט פון אמאל,
געהערשט אין ארץ ישראל,
האט אונז געברענגט פיינע סחורה אן א צאל.
פון חומוס ביז טחינה, יא אויך עגפלענט א חידוש,
מען האט זיך נישט געקענט ערלויבן שבת קיין פיש.
אלטע עגפלענט דאס האט ער נאך געהאט,
באנדלעך צוריבן סעסעמי צומאלן,
געמאכט פון דעם א פיינער סאלאט,
א טינק דא א טינק דארט ביז געווארן זאט.
היינט אן דעם איז... עפעס פעלט,
מען ווערט צאלן פאר אזא שאכטל טייער געלט,
דייקא דאס הייסט היינט... "ער האט גוט צוגעשטעלט..."

***

דאס דחקות אין גאליציע, פוילן און רוסלאנד,
פלייש? ווער האט געקענט קריגן אין יענעם צושטאנד,
געווען וואס מען האט געהאט אין האנט,

מערסטנס אביסל טשיקן פיסלעך צו שפאט און צו שאנד,
פשי-י-י קוק וואס עס איז געווארן היינט,
א חסידישע מאכל אזוי באקאנט.
עס איז גאר א מעלה,
נאאא! א חסידישע איד שבת אן גאלע?

***

פלאטשיגע מענטשן האבן אונז דעליווערט אזא זאך,
מען האט עס זיי צוגעווארפן ווייל זיי זענען דאך שוואך,
דערווייל איז עס אונז געבליבן א טעם לשבת.
איך קען זיך מיט אים נישט פארטראגן,
איך גיי מיך מיט אים א גאנצע זמן שלאגן?
ער וויל נישט לערנען האלט זיך נישט ביים פלאגן,
אוי! א קרעכץ... נו!
כאטש נעם א משניות די ווערטער קענסטו דאך זאגן,
קוק ווי ווייט דאס האט אונז געטראגן,
אזא אוצר וואס מיר טוען היינט פארמאגן,
עס הערט נישט אויף נאגן,
ווי די שוואכע האבן פארכאפט דעם וואגן,
געזאגט משניות און אונז אלע געטון איבעריאגן,
דייקא זיי זענען אויסגעוואקסן תלמידי חכמים מופלגים,
און פאר אונז - די 'גוטע' - האלט מען אין איין פארשלאגן,
יעדע שטיק צייט א נייע א ענטפער פארמאגן,
פארוואס וואקסן נישט קיין תלמידי חכמים פון די היינטיגע יוגנט

***

שוואכע אידישקייט האט אונז זייער געפלאגט,
אזא דור קיינער נישט פאראויס געזאגט,
אבער... ס'האט אונז געברענגט א פיינע פראדוקט,
נעבעך! א שוואכע בחור! א שוואכע יונגערמאן!
האלט ביי גארנישט ממש ביטל הזמן.
ס'גאנצע אידישקייט אן קיין טעם,

אכטונג געבן פון אים און ווי פון שעדליכע סם,
ווי קען מען אים אויפבויען?
אפשר מיט סודות פון חדר אים געטרויען,
אז נישט גמרא תוספות כאטש זאג תהילים,
אז נישט קובץ שיעורים כאטש רעד צום אייבערשטן,
אז נישט די דריי בבות כאטש שבת זאלסטו היטן,
אז נישט שב שמעתתא כאטש לייג תפילין.
גייסט טאקע 'נעבעך' ארבעטן אבער אן קיין ניבול פה,
אז נישט רייסן פון זיך שטיקער כאטש ווייס,
אז דער אייבערשטער איז פון דיר העכסט צופרידן.
אז דו וועסט נישט אויסוואקסן א דיין,
אז דו ווילסט גאם קייען,
אבער אבער ס'איז כשר מעגסטיך מיט דעם פרייען.
און אז דו פאלסט קענסטו אלע איבערדרייען,
בעט איבער דעם אייבערשטן, ער וועט דיך פארצייען.

זאכן וואס מען רעדט נישט פאר די חשובע,
ווייל זיי לייגן תפילין, היטן שבת און רעדן נישט ניבול פה,
און חזר'ן יעדן טאג אמונה,
דאס איז נאך נאר פאר די שוואכע.

צוביסלעך האט זיך ארויסגעשטעלט,
די שוואכע רעדן פון באשעפער א גאנצן טאג,
פארפאסן נישט קיין תפילין אפילו זיי זענען פאריאגט,
רעדן איידל ביי די ארבעט,
נישט מסכים צו ניבול פה.

היינט זוכט מען שוין נאר א א ישיבה פאר שוואכע,
ווייל דארט וואקסן די קינדער מיט אמונה, קדושה, און ריינקייט,
פשטות יהדות, מיט הייליגקייט,
פון די שוואכע אידן וועט זיך ווייטער ציען דורות אידישקייט.

נו ווען **נהפוך** ווערט גאר **הוא**.

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## חשובער ראש ישיבה אין ירושלים האלזט ערשטע קינד ביי די אכט און אכציג יאר

די אידישע וועלט איז אויף מיט די גרויסע נייעס. א איד אין ארץ ישראל האט האט זוכה געווען ביי די עלטער פון אכט און אכציג צו א בן זכר. דער בעל שמחה איז א גרויסער תלמוד חכם הגאון רבי צבי קאשאלעווסקי שליט"א, וועלכע דינט כהיום אלץ ראש ישיבת היכל התורה אין די הר נוף געגנט.

דער ראש ישיבה האט פאר עטליכע יאר צוריק פארלוירן זיין פרוי וואס איז געווען א טאכטער פון הגאון רבי לייב גורוואוויטש זצ"ל ראש ישיבת געיטסהעד, זיי האבן ליידער נישט זוכה געווען צו קיין קינדער. פאר 6 יאר צוריק זייענדיג 82 האט דער ראש ישיבה נאכאמאל חתונה געהאט מיט זיין צווייטע פרוי מרת דניאלה תחי' וואס איז דאן געווען אין די הויכע פערציגער יאר.

פארגאנגענעם וואך האט ער זוכה געווען צו האלטן דאס ערשטע מאל אן אייגן קינד זייענדיג שוין 88 יאר אלט. אויף די גאסן פון ירושלים זענען די תלמידים פונעם ראש ישיבה ארויס אין פרייליכע געטענץ נאכן הערן די אומגלויבליכע בשורה.

פרובירט זיך פארצושטעלן א איד ווארט ביז די דרייסיג צו האבן א קינד, ווי שטארק ער דארף זיך שלאגן מיטן יצר הרע וואס איז אים מייאש אז ער וועט שוין נישט האבן קיין קינדער, און אויב איז ער שוין פערציג, פופציג. ווער וואלט נאך געגעבן א שאנס פאר א איד איבער די זיבעציג אז ער וועט נאך געהאלפן ווערן מיט א קינד? דער איד איז שוין אכט און אכציג יאר, אן עלטער וואס רוב היימישע אידן מאכן שוין לאנג חתונה די אור אייניקלעך. קיינער וואלט זיך נישט דערוואגט צו זאגן אז ער האט נאך האפענונג. אבער דער אייבערשטער קען אלעס מאכן.

די ערשטע לימוד פון דעם נייעס איז אז נישט קיין חילוק ווי שווארץ עס קוקט אויס, קען דער אייבערשטער נאך אלץ אלעס איבערדרייען אין איין רגע. געב נישט אויף, גלייב און האף צום אייבערשטן וועסטו זען אז עס וועט נאך לעכטיג ווערן.

ווען עס ווערט געבוירן א קינד צו א איד נאך ווארטן לאנגע יארן, פארשטייט יעדער אז די שמחה איז גרויס. אבער במחילת כבודך, דו ביסט געהאלפן געווארן מיט א קינד ביי די צוואנציג, פארוואס ביסטו נישט פרייליך דערמיט? נאר אויב דער אייבערשטער וואלט דיר געמאכט ווארטן ביז די אכט און אכציג און דערנאך וואלסטו געהאלפן געווארן מיט א קינד, איז עס א שמחה? נאר דעמאלטס קומט זיך א הכרת הטוב פארן אייבערשטן?

מיר אלע דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען נישט אין תפיסה, אפילו מיר זענען נישט רובאשקין וואס איז אויסגעלייזט געווארן פון תפיסה מיט א נס, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן קינדער אפילו מיר זענען נישט קאשאלעווסקי.

לאמיר ארויסגיין אין א טענצל און דאנקען דעם אייבערשטן פאר אלעס גוטס וואס ער געבט אונז.

**משנכנס אדר מרבין בשמחה**




# דער "אידישער" שטאט "ביראבידזשאן" אין רוסלאנד

לאמיר זיך אינאיינעם ארויסלאזן אויף א לאנג נסיעה פון מאסקווע וואס וועט נעמען כמעט צוויי וואכן מיט א קאר און "בלויז" פינף טעג מיטן באן, מיר פארן ווייט אוועק צו די אנדערע זייט רוסלאנד, נענטער צו כינע און דער פאציפישער אקעאן. מיר פארן דורך הונדערטע דערפער און געציילטע גרעסערע שטעט, נישט ווייט פון אונזער וועג פארן מיר דורך קאזאכסטאן.

מיר פארן פארביי נעבן מאנגאליע, מיר קומען שוין אן נעבן כינע, נישט אזוי ווייט פון קאריע און יאפאן, דארט פארן מיר אריין אין אן "אבלעסט" (עפעס ווי א סטעיט אדער קאונטי' אין אמעריקע) מיטן נאמען "יעווריעסקע אַווטאַנאָמנאַיאַ אָבלאַסט" אויף אידיש טייטשט זיך עס "אידישע אטאנאמישע טעריטאריע".

מיר פארן צו איר "הויפט שטאט" וואס הייסט "ביראביזשאן" דורך די הויפט גאס מיטן נאמען "שלום עליכם", מיר באגעגענען דורך א גרויסע סיין מיט די ווערטער "ביראבידזשאן" אויף אידיש און רוסיש. מייגע אויגן עפענען זיך גרויס "אידישע טעריטאריע", "אידישע ווערטער", אינעם ווייטן רוסלאנד?

אין די יארן ווער דער קאמוניסטישער רעזשים האט געהערשט אין רוסלאנד, האבן די רוסן געוואלט שיסן צוויי פויגל, איינס צוזאם נעמען די אידן, זיי איינרעדן אז רוסלאנד און קאמוניזם קען זיי צושטעלן אן אייגן לאנד, און איינוועגס האבן די רוסן געקענט באשטיין אז די אידן זאלן אויפבויען די פוסטע וועלדער אויף די אנדערע זייט רוסלאנד, אויסטרוקענען די פילע זומפן אויף איינזייען פעלדער.

זיי האבן פארדעם א נאמען געגעבן דעם געגענט מיטן שיין קלינגענדיגן נאמען "אידישע טעריטאריע" און באשטימט "רוסיש" און "אידיש" אלץ די צוויי אפיציעלע שפראכן פונעם געגנט, וואס ווערט נאך געלערנט אין סקול ביזן היינטיגן טאג

איין זאך אבער האבן זיי נישט געוויסט, אז א איד אן תורה איז קיין איד נישט. מען קען האבן א לאנד, א שפראך, א קולטור, אויב האט מען נישט קיין תורה בלייבט נעבעך גארנישט איבער דערפון.

אידישע קינדער זענען נישט קיין פאלק ווי אלע פעלקער, מיר זענען די פאלק פונעם אייבערשטן, דער פאלק פון די תורה, מיר האבן זיך געהאלטן אין גלות די לעצטע צוויי טויזענט יאר אן קיין פאראייניגטע שפראך, אן קיין אייגענע לאנד, אן קיין קולטור, נאר די אמונה און די תורה דאס וועט אונז ווייטער טראגן מיר זאלן קענען איבערקומען אויך די היינטיגע נסיונות, מיר זאלן קענען קעגן גיין משיח צדקינו.

היינט צוטאגס וואוינען אין דעם שטאט 75 טויזנט מענטשן, פון דעם ציילט זיך אן ערך פון פיר טויזנט אידן, אבער פארשטייט זיך אז די גאנצע שטאט האט שוין נישט קיין שייכות צו אידישקייט חוץ פון די טאוול מיט נאך אפאר זאכן וואס איז געבליבן אין אידיש אדער לשון הקודש ווערטער.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.




ביראבידזשאן אויפן מאפע

# שטעטל נייעס

## מצה בעקעריי אין שטעטל געעפנט צום דריטן יאר בעזרת השם



דער עולם איז געווען גאר פרייליך און אויפגעלייגט צו הערן דעם גאר גוטן בשורה, אז די ברסלב'ע מצה בעקעריי האט געעפנט דאס יאר אירע טויערן.

געהייסן האט עס אז דאס יאר וועט מען נישט עפענען, צוליב דעם וואס די לעצטע צוויי יאר האט מען נישט ארויסגענומען קיין רווחים פונעם בעקעריי.

אבער דער ראש ישיבה צוזאמען מיט אנשי שלומינו האבן שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז אויף עפעס א וועג זאל די בעקעריי יא ווערן געעפנט, צוליב דעם וואס די חשובע ארבעטערס אינעם ברסלב'ן בעקעריי מאכן די מצות מיט תפילות בשעת'ן ארבעטן, און פירן זיך אויף גאר ערליך און איידל.

די נס האט טאקע פאסירט, אפאר פון אנשי שלומינו האבן גאר שווער געארבעט די בעקעריי זאל זיך קענען עפענען דאס יאר, און אזוי אויך נעמען די פארלוסטן אויב עס וועט אויספעלן און אזוי ווייטער. אזוי אויך טוט מען פערזענליך באדאנקען פאר אלע חשובע ארבעטערס וואס טוען גאר א גוטן ארבעט אז עס זאל ארויסקומען ערליכע און כשר'ע מצות.

אזוי אויך האט זיך דער דיין שליט"א ארייגעלייגט מען זאל יא קענען באקן, דער דיין שליט"א האט געמאכט א עקסטערע חבורה ביי די נאכט שעות צוזאמען מיט די חשובע כולל אינגעלייט.

דא האט זיך נאכאמאל ארויסגעשטעלט די שטארקייט פון בעטן דעם אייבערשטן, וואס איז שטערקער פון אלעס.

## שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה אין שטעטל



פארגאנגענעם דאנערשטאג פקודי האט דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל, אנדערש ווי געווענטליך אז די ערשטע גייט מען צו די מוסד, איז מען יעצט די ערשטע געגאנגען אין שול דאווענען שחרית מיט אנשי שלומינו, דער ראש ישיבה האט שפעטער געזאגט אז ער האט גאר שטארק הנאה געהאט צו זען ווי אינגעלייט מיט די ארבעטס קליידער קומען דאווענען בעפאר מען גייט אריין אין די ארבעט, און אז מען איז קובע צייט צו לערנען אינדערפרי.

שפעטער איז דער ראש ישיבה אריבער אין די מוסד און געגעבן אפאר שיעורים פאר די קינדער און עקסטער פאר די מחנכים. אינמיטן טאג האט דער ראש ישיבה באזוכט אין מצה בעקעריי און גאר שטארק באוואונדערט די הייליגע ארבעט פון די געטרייע ארבעטערס און די געשמאקע טעם דערפון.

אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין כולל און זיי שטארק מחזק געווען ווייטער צו עוסק זיין בתורה. דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס און געקוקט די קונטרסים וואס מען האט לעצטנס געדרוקט.

סוף טאג האט זיך דער ראש ישיבה משתתף געווען ביי די בר מצוה פון הבחור נחמן נ"י בן מו"ה ישראל פוקס הי"ו **וואס האט זוכה געווען צו מסיים זיין די צווייטע מאל ש"ס בשעת דעם בר מצוה, און געזאגט דערנאך דעם קדיש אלס גדול.** פארן אהיימפארן האט דער ראש ישיבה געקלאפט מזוזה אין שטוב פון מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו.

דער באזוך האט איבערגעלאזט גאר אסאך חיזוק אויף אנשי שלומינו אין שטעטל.

היכל הקודש

# ניועס

אמעריקע

## הערליכע מסיבת הכרת הטוב פונעם רענט קאמפיין פארגעקומען




אנשי שלומינו פון איבער די טריי סטעיט האבן געהאט די זכי' מיטצוהאלטן דעם יערליכן מסיבת הכרת הטוב פונעם רענט קאמפיין, וואס איז פארגעקומען אין די זאלן פון עטרת מייזעלס אין קרית יואל.

דאס יאר איז עס פארגעקומען אין דעם זאל צוליב צוויי סיבות, איינס וויבאלד דער ציבור איז קע"ה זיך צוואוואקסן, און מען איז שוין אויסגעוואקסן דעם בית המדרש אין וויליאמסבורג ווי דער מסיבה פלעגט פארקומען אין די לעצטע אכט יאר, און אויך צוליב וואס דער ציבור איז צושפרייט אזוי ווייט, פון בארא פארק, וויליאמסבורג, לינדען, דזשערסי סיטי, מאנסי, קרית יואל, מאנטיסעלא, און קרית ברסלב, האט מען געזוכט א גרויסע שיינע פלאץ וואס וועט זיין פונקט אינמיטן.

א געשמאקע סעודה איז סערווירט ווערן פאר אלע באטייליגטע לכבוד דעם סיום מסכת שבת ירושלמי וואס אנשי שלומינו האבן געענדיגט. יושב ראש פונעם מעמד איז געווען מו"ה יוסף זינגער הי"ו וואס האט אנגעפירט דעם גאנצן מעמד, און אויסגערופן אלע בעלי דרשנים.

דער סיום איז געמאכט ווערן דורכן דיין שליט"א. וואס האט דערנאך ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון העלפן דעם וויכטיגן "רענט קאמפיין".

דערנאך האט מען מיטגעהאלטן די פריילעכע אויפטריט פונעם אלעמען באליבטן גוט זאגער מו"ה מיכל ראזענפלד הי"ו וואס האט גאר שטארק מהנה געווען דעם ציבור מיט זיינע געשמאקע דיבורים.

דערנאך האט מען אויסגעטיילט מתנות פאר אלע לויט זייער קאטעגאריע.

צום סוף האט מען געהאט די זכי' צו הערן די דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון העלפן די "רענט קאמפיין" ווייל מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן אז די ערשטע זאך איז צאלן רענט, אז נישט טרעפסטו זיך אינדרויסן. אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די זכי' אז מען האט זוכה געווען צו מסיים זיין חומש ספר שמות, מען שרייט אויס חזק חזק ונתחזק.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס ער האט פאר די דריי חשובע עסקנים מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו און מו"ה אברהם מרדכי פיש הי"ו וואס האבן גענומען אויף זיך די מיסיע אראפצונעמען דעם עול פון דארפן צוזאם שטעלן די רענט פאר די בנימים פון די קהלה און מוסדות.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט די ארמיי וואס מיר פארמאגן, געטרייע מחנכים און מחנכות, געטרייע אינגעלייט וואס העלפן יעדער איינער מיט זיין זאך, וואס דאס איז א זאך וואס מוהרא"ש האט ליידער נישט זוכה געווען צו דעם, אבער היינט איז דאס ב"ה יא דא.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פונעם מתנה וואס מען האט אויסגעטיילט ביים מסיבה, דער טאוועל וואס מען לייגט אויפן טיר מיטן משפחה נאמען, און העכער דעם שטייט "ברוכים הבאים לגן עדן" וואס דאס איז א דערמאנונג אריינצוקומען אין שטוב מיט א פרייליכע שטומינג, און אויב שפירט מען אז מען איז נישט פרייליך זאל מען זיך אפשטעלן א מינוט ביים טיר, און מאכן א תפילה "הייליגער באשעפער העלף איך זאל זיין פרייליך און קענען מאכן פרייליך מיין ווייב און קינדער וואס ווארטן שוין אויף מיר א גאנצן טאג".

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שטארק ארומגערעדט פון די וויכטיגקייט פון שלום בית, וואס דאס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן א יסוד היסודות.

צו הערן דעם גאנצן שיעור רופט אריין קול ברסלב 212-444-9191

דער מסיבה האט איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אלע באטייליגטע וואס וועט זיכער בלייבן אויף א לאנגע צייט.

# גלייב מיר ס'טוט מיר מער ווי



די גאנצע זאך פון פארשטעלאכטס איז נישט פון די גרינגע מסכתות.

ווען איך בין געווען א אינגל האב איך געוואוסט אז וויבאלד די טעג ווערן עטוואס לענגער מוז איך זען אהיימצוגיין מיט די לי עוועניו באס אנשטאט די בעדפארד עוועניו באס.

איי וועסטו פרעגן א קושיא אז מיט די לי באס קום איך אהיים צען מינוט שפעטער? ס'איז כדאי!

דער דרייווער פון די לי באס איז געווען מו"ה יוסי פאללאק ע"ה (מו"ה יוסף צבי בהרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ע"ה, מחשובי חסידי סאטמאר מקדמת דנא) די קינדער האבן אים זייער ליב געהאט, זייער א געשמאקער מענטש געווען, א שטיק הארץ.

צען מינוט נאך זעקס האט געפיפן די פייפער אין חדר, מ'זאגט גוד נייט פאר די ענגלישע טיטשער, מ'טוט זיך אן די דזשעקעט וואס האט צוויי צולאזטע הענטשעכלעך וואס הענגען מיט א ווילדקייט דריי טפחים אראפ פון די צוויי ערמלעך. מ'טוט זיך אן די שווארצע ווינטער העלמעט וואס האט אזא ארויסשטעקנדיגע דעכעלע העכער די אויגן, אזוי ווי די דעכעלע פון די בעיס באלל היטעלע פון די יעינקיס און די מעטס, צו פארשטעלן די זון, אדער אז ס'זאל נישט שנייען חלילה אין די שווארץ אפפל פון דעם אויג.

איך דערמאן זיך מיין טיטשער ר' נועם קאהן, ער האט געהאט א צווילינג ברודער ר' משה קאהן וואס איז אויך געווען א טיטשער,ביידע האבן געוואוינט אין בעדפארד גארדנס, זייער וואוילע מענטשן געווען.

די מעלה פון די לי באס איז געווען אז מ'האט געקענט אראפגיין קוקן די פארשטעלאכטס ביי איצקאוויטש טוי סטאר, אדער ביי טיב-טוב א קראס די סטריט.

# משה ארי' שניצלער

זעמיר געשטאנען דארט פארגאפט און כמעט געכאפט א שמועס מיט די לייב און די בער, ווען מ'הערט אין די בעקגראונד די סנעפס וואס איז געווען גע'אסר'ט בכל לשון של גע'אסר'אכטס.

ווען איך בין שוין געווארן א גרעסערע מעכטיגערע ציפעדיגע-פאסיק'דיגע אינגל האב איך שוין געמעגט האבן די בער פארשטעלאכטס וואס איז געגאנגען בירושה ביי אונז אין די משפחה, די בער קאסטיום איז געווען אלעס חוץ א בער.

אזוי ווי יענער וואס האט געקויפט א ביליגע קאר, דערנאך האט ער געזען אז אלעס פייפט נאר נישט די פייפער. אלעס עפנט זיך נאר נישט די טיר. אלעס דרייט זיך נאר נישט די סטירינג ווהיל. אלעס איז הייס נאר נישט די סטים. אלע לייטס בלינקען נאר נישט די בלינקערס.

ווען ער איז געגאנגען פאררעכטן די בלינקערס, האט ער געפרעגט זיין חבר זאל אים זאגן צו ס'ארבעט, זאגט אים זיין חבר, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין, יא, ניין...

דער וואס האט דיזיינט דעם בער קאסטיום איז געווען באזארגט אז מענטשן וועלן מיינען אז א בער איז אזוי דאר ווי די דארע אינגל וואס איז דא פארשטעלט, און דאס איז דאך א גרויזאם-קריוודע כלפי די גרויסע פעטע בערן, במילא האט ער געמאכט א בער וואס די ברייט איז מער ווי הויך, אלץ רעזולטאט בין איך געווען פאראורטיילט ארומצוגיין גאנץ פורים מיט אכט און דרייסיג קישענעס פון פארנט און פון אונטן אז יעדער זאל וויסן אז דער בער פון וואס מ'רעדט איז טאקע א טויזנט פונטיגער בער, נישט קיין אונץ ווייניגער.

די שאלה איז צו מ'קען זאגן ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאותי אויף א זאך וואס איז שוין לאנג צוריק געווען. אוי טאטע, זאל מיר גערעכנט ווערן די משא פון דרייסיג קישענעס איבער בארג און טאל, און דאס איז נאך פאר'ן זיך איבערקוצקענען מחמת אומבאלאנס מגודל המשא, אבער איין מינוט! איך האלט נאך אינמיטן זאגן די פורים שפיל!

א גוטן פורים טייערע אידן, איך בין היינט זייער צופרידן, איך האב א דירה, אין שושן הבירה, דארט איז געווען א צדיק, מיט טויזנטער יארן צוריק, ער האט געהייסן נישט גיין צו די סעודה וואס אחשורוש מאכט, אבער מ'האט פון אים געלאכט. ווען אלע האבן פאר המן זיך געבוקט, האט ער זיך קיין האר נישט גערוקט, מ'האט געהאט אויף אים טענות און געפרעגט, "אזוי טון מ'מעג? כאטשיק ריק דיך אוועק פון וועג! וואס דארפסטו המנ'ען דערשרעקן?! דו ביסט דאך גורם אז המן זאל די אידן אויסמעקן! בעסער אז ווען המן קומט קודם, זאלסטו דיך באהאלטן אין א בוידעם, ווייל ס'איז דא אפשר א סברא, אז לויט די גמרא, הייסט אויף אזא אופן נישט געדינט עבודה זרה!" דער צדיק האלט זיך ביי זיין, דער רשע קומט נישט אין חשבון אריין, איך גיי מיר מיין גאנג, דאס איז דעם אייבערשטן'ס פארלאנג, דער רשע עקזעסטירט נישט ביי מיר, איך געב זיך נישט קיין ריר. לא יכרע ולא ישתחוה ולא קם ולא זע, ווייל איך ווייס אז נאר דער אייבערשטער איז דא. מ'האט געזען ביים סוף, אז דער אייבערשטער איז מסכים דערויף, ליהודים היתה אורה, מ'האט נאכאמאל מקבל געווען די תורה, מקבל געווען באהבה מיט ליבשאפט און זיסקייט, דאס איז מרדכי הצדיק'ס אידישקייט, די וועלט מעג האבן טענות ביז איבערנעכטן, מיר גייען מיט'ן צדיק אויפ'ן וועג דעם עכטן.

אלעס איז הייס נאר נישט די סטים.

אלע לייטס בלינקען נאר נישט די בלינקערס.

ענדליך נאכ'ן פורים שפיל באקום איך א טאלער, וחוזר חלילה און איך גיי צום נעקסטן איד מיט די פעקל צווייערס פאכענדיג אין איין האנט און די הערצאג נעפע וועלי אין די אנדערע האנט.

אזוי קייקלט זיך דער גרויסער ברייטער בער אויף די גאסן,



ביז מ'קומט אן צו לי ראטלעדזש, ביי עס בראדערס פארמאסי, דארט פלעגן שטיין די צוויי ברודערס, די בעלי בתים פון די פארמאסי, און געכאפט בילדער פון קינד און קייט פאר שעה'ן לאנג, נאך פורים האט מען געקענט אפנעמען דאס בילד אומזיסט. מיר האבן פון זיי א בילד פון יעדן יאר.

אבער אלץ פלעג איך טראכטן, ענדערש זיך פארשטעלן ווי א טויזנט פונטיגער בער מיט א טרעילער-לאוד פון קישענעס, ווי איידער א שטייפע פושקע, א הויכע בענעגע, א באבלעטלטער פיינעפל, א סטעיק אויפן בארביקיו, א שניצל ביים פרעיגלען, א לאנגע פייעלעשער, א פיש אין א גלאז, א כפרה ביים שוחט, א קאר ביים מעקעניק, א תפלין ביים סופר, א שיך ביים שוסטער, קאקאשקעיקע רעבע ביים עסן טרויבן, סטעטשו אוו ליבערטי מיט די הענט ארויף, וואשינגטאן ברידזש מיט די טרעפיק, די זאלץ פון לוט'ס ווייב, א מילעכל, א קווישיקל, א דאזן אייער, א פעקל קוואדערס, א רענצל, א צומי, א רייכערנדיגע קוימען, א בארג עזאזל, א געלע חדר באס, א טרעין סטעישן, א אמבולאנס, א הכנסת ספר תורה, א לולב, א דריידל, א קניידל, א קנאבל, א קרעפל, א רויטלייט, א סטאפ סיין, המנ'ס תלי', א חולה וואס דארף א רפואה, א לאנגע ציפעדיגע שטעקן פון די מלמד וואס זאגט גלייב מיר ס'טוט מיר מער ווי'.

די ריכטיגע שמחת פורים איז אבער געווען יענע יאר ווען די קאסטיום האט געפלאצט. די קנעפלעך האבן סימפלי רעזיגנירט פון זייער אמט צאמצוהאלטן די קאסטיום אונטער די דרוק פון די דרייסיג קישענעס וואס האבן נאר געוואלט ארויסלויפן פון זייער פאסטקע. די צאמגעלייגטע צאמגעקנייטשטע בער פעלעכל איז געליגן פארשעמט אויף דער ערד אונטער א בארג פון קישענעס, א דורכגייער איז מסביר פאר זיין אינגעלע אז די אינגל דא איז פארשטעלט ווי א קישן סוחר.

> ממחרת שושן פורים טו איך אן מיין קאסטיום וואס הייסט "תלמיד היכל הקודש"

איך האב נאך איין קאסטיום וואס איך מוז אייך דערציילן. ממחרת שושן פורים טו איך אן מיין קאסטיום וואס הייסט "תלמיד היכל הקודש". מ'גיסט אפ נעגל וואסער, מ'גייט אין מקוה, מ'גייט אין שול, מ'דאווענט אין א סידור, מ'רעדט מיט דרך ארץ צו די מקוה-איד, צו די קאווע שטיבל עסקן, צו די קא-ווארקער. מ'באצאלט יעדע אינוואויס אזוי ווי אפגעשמועסט אן קיין באבע-תירוצים, נישט בא'עולה'ן מענטשן מיט געלט. נישט לעבן אויף קרעדיט קארדס, נישט לעבן פאר יענעם, נישט שפילן עושר מיט גניבה געלט, נישט שפילן עושר מיט געבארגטע געלט.

רעדן שיין צו די ווייב און קינדער. אויב ס'האט זיך געמאכט א פעלער און מ'האט זיך אביסל געבייזערט, דארף מען איבערבעטן.

איבערבעטן מיינט נישט אז מ'זאגט פלעין די טריקענע טעקניקל ווארט "אמסארי" און מ'מאכט ווייטער נאכאמאל און נאכאמאל פון די ווייב דאס גענאר. איבערבעטן מיינט אז מ'מאכט א חשבון אז די ווייב וואס איך האב איז פון באשעפער, און דער אייבערשטער געבט פאר יעדן איינעם די בעסטע ווייב און די בעסטע אלעס. איינער וואס לעבט מיט דעם אייבערשטן פילט זיין ווייב די עכטע אמסארי און מ'לעבט ווייטער בשלום ובשלוה, מ'האלט נישט קיין אלטע רוגזות.

דאס איז מיין ממחרת שושן פורים קאסטיום, דאס איז מיין year round קאסטיום. איך האב שוין אלעס וואס פעלט צו מיין גאנציעריגע פארשטעלאכטס, איך האב א משניות! איך גיי זאגן איין פרק יעדן טאג! איך גיי מיך פארשטעלן פאר א משניות זאגער! דו דערקענסט מיך?





# זיידעס
# באבעס
# טאטעס
# מאמעס
# בחורים
# מיידלעך
# יונגלעך
# בעיבים

דינסטאג שמיני

April 2



# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

1. איך פאר ארום מיט מיין קאר ווען פלוצלונג... איך דרוק די גאז אבער די קאר פארט נישט...

איך האב מיך גלייך אויסגעדרייט און זיך געשטעלט אין די זייט כדי נישט צו פארמאכן די גאס. כ'האב פראבירט אנצינדן די קאר אבער גארנישט.

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך צוריק אנצינדן, נאכן בעטן דעם אייבערשטן האב איך נאכאמאל פרובירט, שכח אייבערשטער - ויסעו.

2. א לאנגע צייט צוריק בין איך געווען אין אמעריקע, איך בין ארומגעגאנגען נאך געלט פאר א געוויסע צוועק. פאר איך בין צוריקגעפארן האב איך פרובירט ארויסנעמען די טשעק פון 'תורם' אבער ס'איז נישט געגאנגען.

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטען אז ס'זאל אנקומען צו מיר, איך האב געקלונגען 'תורם' זעהן וואס מ'טוט. זיי האבן געזאגט אז זיי גייען עס מיר אריבערפירן דורכן באנק. פיין שכח אייבערשטער, די מעשה איז שוין א צייט צוריק געווען אינעם בלעטל.

למעשה ווען איך האב זיך דערמאנט צו קוקן אין באנק האב איך עס נישט געטראפן דארט...

כ'האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, ביז...

זיי האבן מיך געשיקט א באשטעטיגונג פון באנק אז ס'איז אדורך. איך קוק נאכאמאל אבער איך זע עס נישט דארט, ביז מ'האט געכאפט די זאך, אז זיי האבן עס געשיקט צו מיין טאטעס באנק. שכח אייבערשטער...

3. איין אינדערפרי' קום איך אריין אין מקוה זאגט מיך איינער 'די שויערס זענען קאלט'. בררררה. וואס טו איך דא?

קוק אהער א מקווה פארפאסט מען נישט. הייליגער באשעפער העלפ'זשע די שויער זאל זיין הייס!

איך גיי ארויס פון בוה, איך גיי צום שויער, און עס איז דא פיינע הייסע בריעדיגע וואסער.

## יודל ווייל- וויליאמסבורג:

איך האב געהאט א קארט דעי'ט פון אפאר טיקעטס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל מבטל זיין די טיקעטס, שכח אייבערשטער מען האט אלעס מבטל געווען.

## רפאל יעקב גוטמאן - בית שמש:

איך האב זיך געדארפט גיין שטעלן ביים ציוניסטישן מיליטער צו מסדר זיין מיין מעמד בן ישיבה, דאס הייסט אז איך לערן אין כולל און איך דארף נישט גיין צום מיליטער.

ווי באקאנט פאר ווער ס'איז אמאל דארט געווען אז מ'קען ווארטן א לאנגע צייט און אפילו אסאך מאל שעות ביז וואס מ'נעמט די צעטלעך אז איך לערן אין ישיבה און זיי פרעגן שאלות אהער און אהין.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל מיר גלייך ארויס לאזן פון דארטן אן משוגע מאכן מיט קשיות. שכוח אייבערשטער אז ס'איז געווען דארט אסאך מענטשן הונדערטער בחורים און יונגעלייט און זיי האבן נישט געהאט צייט זיך משוגע מאכן מיט יעדן איינעם, האבן זיי נאר גענומען די צעטלעך גלייך אן קיין שאלות און אן גארנישט משוגע מאכן, אזוי בין איך האב אריין און ארויס אינטער 15 מינוט. שכח אייבערשטער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, פּוּרִים, י"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; הַיינְט אִיז אַ צַייט צוּ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "**כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּים**", זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים; וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

זָאלְסְטוּ יֶעצְט פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**"; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַבִּיסְל אַוֶועק פוּן דַיין שְׁטוּב אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת ווילְסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן בֶּעט אִים רַחֲמָנוּת אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג יוֹם הַפּוּרִים וֶוען עֶס אִיז (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ד): "**כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ**", וָואס צַדִיקִים זָאגְן אוֹיף דֶעם אַז וֶוער עֶס בֶּעט אוּן וָואס מֶען בֶּעט הַיינְט - בַּאקוּמְט מֶען.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער ..., דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל; אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף אַ אִיד אִינְגַאנְצְן אַנֶדֶערְשׁ, אַ אִיד אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אָבֶּער יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר בְּרִיוו, יֶעצְט דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת הַיּוֹם; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְרִיאַת הַמְגִילָּה וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "**עֶס לוֹינְט זִיךְ אַ אִיד זָאל זַיין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַבִּי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אֵיין מָאל צוּ הֶערְן קְרִיאַת הַמְגִילָּה**".

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; מִיר זֶענֶען אַלֶע אֶבְיוֹנִים - זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן בַּיי וֶועם מֶען קֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן צְדָקָה.

שְׁטַארְק דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר חָשׁוּב ווִי אַן אֵייגְן קִינְד.

**ווּאוּנְטְשְׁט דִיר דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## די טאג פון פורים

**א אינגערמאן האט זיך באקלאגט אז עס קומט אים אן זייער שווער דאס ארומלויפן אום פורים פון איין באבע צו די אנדערע, און ביי יעדע הויז דארף מען נאכאמאל אויסטון די מאנטלען אז יעדער זאל זען ווי שיין די קינדער זענען פארשטעלט, און די קינדער אליין זענען אינגאנצן צעדרייט, און אזוי בלייבט נישט צופיל כח און מח צו זיין פרייליך. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט:** אלעס ווענדט זיך ווי אזוי מען קוקט דערויף; אז מען פארשטייט וואס עלטערן זענען, מען האלט די עלטערן טייער, - איז בכלל נישט שווער צו גיין צו זיי; אדרבה, מען פריידט זיך ווען עס קומט א יום טוב וכדומה, מען ווארט אויף א געלעגנהייט ווען צו גיין צו א זיידע, א באבע - זיי מחי' זיין און נעמען ביי זיי א ברכה. ביי די מענטשן וואס ווייסן דאס חשיבות פון עלטערן - איז דאס די גרעסטע שמחה, צו קענען גיין פורים מיט די משפחה; עס איז בכלל נישט שווער אנצוטון און אויסטון די מאנטלען, ווייזן פאר יעדע זיידע און באבע די פארשטעלאכטס, עס איז א שמחה און א פרייד.

נישט אלע זענען זוכה צו קענען גיין צו עלטערן, אסאך משפחות וואלטן געוואלט גיין פורים צו זיידעס און באבעס אבער זיי האבן ליידער נישט; אז דו האסט באבעס מיט זיידעס וואו צו גיין מיט דיינע קינדער - זאלסטו גיין מיט שמחה און פרייד. אויך איז דאס א גרויסע מצוה, מחי' זיין עלטערן; עס איז פון די גרעסטע מצוות אין די תורה.

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זוכה זיין צו האבן א פרייליכן פורים, זאלסט קענען אויסניצן דעם טאג מיט גוטע זאכן און טון די מצוות מיט שמחה. פורים איז אזא גרויסע טאג, מען קומט צו די בחינה פון (מגילה ז:): "**עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי**", מען ווערט געוואר אז אלעס איז דער אייבערשטער, סיי ווען עס גייט איבער אויפ'ן מענטש שווערע ביטערע נסיונות, בבחינת "אָרוּר הָמָן", און סיי ווען עס גייט אלעס גוט, בבחינת "**בָּרוּךְ מָרְדְּכַי**"; אלעס איז דער אייבערשטער, מען קומט צו די העכסטע דרגא, מען וויל גארנישט - נאר דעם אייבערשטן.

ווען א מענטש איז זיך מבטל צום אייבערשטן, ער וויל גארנישט, ער דארף גארנישט; ער ווייסט ביי זיך 'איך בין גארנישט', ער דארף נאר דעם אייבערשטן, - דער מענטש איז פרייליך וואו ער געפונט זיך. מען קען שרייען (תהלים כה, יז): "**צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ, מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי**", - וואו אימער מען געפונט זיך, מען דארף נישט זיין דוקא צווישן אנשי שלומינו צו קענען זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן; דער רבי געבט אונז אזא שכל, א מענטש הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן איבעראל, ער איז זיך מחי' מיט אמונה וואו ער געפונט זיך.



# הערשי מאכסט מיר בושת

ישראל דוד העסקעל

## לאמיר

האהאהאהאהאהא

האהאהאהאהאהאהאהאהא. יוש איך קען נישט אטעמען האהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהא האהא זאג עס נאכאמאל פפפפאאאאהאאאאאהאהאהאהא ס'הייסט נישט וואס?

יא האסט זייער גוט געהערט ס'הייסט קלאר נישט געלערנט! וואס מיינסטו, מ'קען זיך אזוי אפדאווענען די גאנצע תורה? הע? דאס מיינט והגית? הע? איך פרעג דיר? ענטפער מיר?

האהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהא האהא ייייוווש זאג עס איין מער מאל, איך בעט דיר, גייסט מיר ממש אויפלעבן פליז...

וואס? זאגן הייסט נישט געלערנט!

אוי האסטו מיך מחי' געווען! שוין א יאר א האלב וואס איך בין זוכה צו קענען לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן, און איך ווארט שוין אלץ אז איינער זאל מיר שוין קומען זאגן אז ס'הייסט נישט געלערנט, אבער אין קול ואין עונה, קיינער האט נישט רחמנות אויף מיר, איך



זאג משניות, מיין נשמה ווערט אויסגעוואשן, איך בין זוכה צו צו קומען צו דאס וואס לערנען תורה טוט מיט א מענטש, די לעבן איז מיר א גן עדן, אבער איין זאך פעלט, איך ווארט איינער זאל מיר קומען זאגן ס'הייסט נישט געלערנט... און יעצט ביסטו אנגעקומען ווי א שליח פון הימל מיך צו מחי' זיין אהההההההה! טו מיר א טובה, זאג מיר עס נאך איין מאל ס'הייסט נישט געלערנט וועסט מחיה זיין א איד... כ'בעט דיר....

זייער א שיינע וויץ, זאלסט אבער וויסן אז ס'הייסט 'טאקע' נישט געלערנט!

האהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהאהא האהא אוי האסטו מיר אויפגעלעבט!

אוי די כח פון זיך קענען גוט אויסלאכן, די לעבן ווערט דאך אזוי לעכטיג, א כפרה גייט מיר אן וואס דו טראכסט פון מיר, דו הערסט?! איך האב געטראפן לעבן, גיי

איך יעצט אנהייבן נעמען און באטראכט וואס יעדער קרעציגער מענטש וואס דמיונט אז "העהע... יעדער רעדט דאך צום אייבערשטן" נעוואאאאדע וואס דען, איי לאמיר זען רעד ארויס יעצט פיר ווערטער... א בוידעם! קענסט דיך נישט צוזאמען קראצן פיר ווערטער...

דעם שבת האב איך געדאוונט אין א קליינע שול אינעם שטאט מאנסי, איך טראכט אזוי צו מיר וואס מ'גייט שרייבן די וואך אינעם בלעטל, אייבערשטער שיק מיר אינטער עפעס גוטס. אינמיטן דאוונען קומט אריין א אידל אין בית המדרש מיט זיין אינגעלע, אבער נישט סתם איינער.... גאר א הויך קלאסיגער, די שיך האט געמעטשט צו די הויזן, די הויזן האט געמעטשט צום בעקיטשע און די בעקיטשע האט געמעטשט צו די גלעזער, ס'איז געווען גאר פיינע נייעס.

דער גאר שיינער צוגעפוצטער אידל נעמט א פלאץ און ווייזט פאר זיין זון זיך צו זעצן נעבן אים.

ס'גייט נישט דורך קיין פינף מינוט, זיין זון האט שוין געטראפן נאך א פאר קינדער און זיי הייבן אן ארומלויפן איבערדרייען דעם שול...

דער פענס'י טאטע האט דאס בשום פנים ואופן נישט געוואלט צולאזן, ער האט פרובירט מיט אלע מיטלען - מיט גוטנס און מיט בייזנס - צו בארואיגן זיין זון זאל זיך צוריק זעצן נעבן אים אבער דער אינגל, ווי נישט אים מיינט מען... ער ווייסט נישט קיין מעשיות, ער קנאקט א לעבן, ער לויפט ווייטער ארום און דרייט איבער דעם שול, דער טאטע שפירט ווי ס'איז כלו

כל הקיצין ער האלט עס שוין נישט אויס, ער פלאצט און נעמט זיך שרייען אויף זיין זעקס יעריגער:

ה-ע-ר-ש-י!!!! מאכסט מיר בושות
ה-ע-ר-ש-י!!!! מאכסט מיר בושות
ה-ע-ר-ש-י!!!! מאכסט מיר בושות

די שול איז שטול, יעדער שטייט און קוקט אויף אים, און ער פארענטפערט זיך נאך פאר די גאנצע שול - בזיונות מאכט ער מיר מיין זון!

וואס זאל איך אייך זאגן, ס'איז געווען גוט פאני, דער עולם האט זיך געקאטשקעט פאר געלעכטער.... נישט דער זון האט געמאכט די בושות פאר טאטי נאר פונקט קאפויער...

איך טראכט צו זיך וואסערע פנים האט עס אז מ'לעבט פאר יענעם, יענער קוקט יענער זעהט יענער טראכט וואס וועט יענער זאגן? ס'איז נארמאל?

יענער וועט גאר לאכן פון דעם אז דו ווילסט אים געפעלן....

וואס מאכסטו זיך נאריש? וואס ביסטו פארנומען מיט יענעמס דעות?

איך בין אמאל געזעצן אין א שול און





געזאגט משניות, אינמיטן לערנען זעצט זיך איינער אוועק אויפן זעלבן טיש, איך געב א קוק צו זען ווער דאס איז, און גראד זעה איך אז ס'איז נישט סתם איינער, קודם איז ער געקומען מיט א קליינע שאפינג בעג, מיט א טעלעפאן צוזאמען מיט עירפאונס.

דער איד זעצט זיך אוועק, עפענט אויף די גמרא און הייבט זיך אן שאקלען פאר א מינוט צוויי, דערנאך איז ער מסדר די טעלעפאן אויף די זייט, די עירפאונס אויף די אנדערע זייט, פונעם זעקל שמוגלט זיך ארויס א שאכטעלע טשערי טאמעטאס, און ער הייבט אן זוכן איין טאמעטא נאכן צווייטן וועלכע ס'איז די בעסטע...

ער האט נישט סתם געגעסן... ס'איז געווען א גאנצע עבודה... געמָאמט מיט די אויגן, זיך ארײנגעשאקלט אויף די גמרא, אביסל גע'חלומ'ט אויפן דאך... און דערנאך ריפיעט, געכאפט א פרישע טאמעטא פון אונטער די גמרא און געקנאקט שטיקער העכערן גמרא.

נאך עטליכע מינוט איז פארגעקומען דעם גרויסארטיגן סיום ווען די שאכטל האט זיך געזעגנט מיט איר גאנצע אינהאלט, און ס'איז געקומען די צייט צו גיין מאכן א קאווע...

נאך עטליכע מינוט איז ער צוריק דא מיטן קאווע מיט עטליכע קאצקע צוקערס, ס'שאקלט זיך גאר אנדערש ווען מ'קייט א צוקער בשעתן שליפצן קאווע מיט איין האנט און דרייען די בארד מיט די צווייטע האנט העכער א גראבע גמרא...

גייט נישט דורך צופיל צייט און ער טרעפט זיך ליידער אין א מצב אז נישט קיין קאצע איז געבליבן און נישט קיין קאווע!

אויש וואס קען מען טון? גאר א וויכטיגע טעלעפאן קאלל מוז ער פונקט יעצט מאכן... ער לייגט אראפ דעם היט אויפן גרויסן גמרא, ער איז יעצט אין צו א לומדישע גוסטע צו קענען ארויסגיין פונעם היכל... ער טוט אן די עיר פאונס מיטן טעלעפאן און הייבט אן שפאצירן דעם גאנצן היכל הלימוד מיטן וויכטיגן שמועס...

ס'גייט דורך פערציג מינוט נאכדעם וואס איך האב שוין כמעט שוין געענדיגט ח"י פרקים משניות, און דער צדיק איז דא צוריק, מאכט אזוי מיט די אויגן און קוקט מיר אן, און געט מיר אזא פרעג: זאג נאר אינגערמאן, דו לערנסט אדער דו זאגסט???

און ביידע לאכן מיר....

ער לאכט פון מיר - הע א נייע מין זאך מ'זאגט זיך אזוי משניות, גמרא און מדרש, קיינמאל נישט געווען אזא זאך... דו ברענסט סתם דיין צייט ס'הייסט נישט געלערנט!

און איך לאך פון אים, נעבעך ער דמיונ'ט אז ער האט געלערנט יעצט צוויי שעה! זיך געדרייט ווי א פייגל, געווען ביזי מיט דעם און יענעם, געפילט דעם ריכטיגן לומדישע פילינג, אבער נעבעך אפגעברענט צוויי שעה מיט טון צוויי מאל גארנישט!

ווער לאכט? אויף וועמען איז די געלעכטער?

יא אוודאי ישראל קדושים, יעדער לערנט, וואס דארף מען ברסלב? מעה יעדער רעדט צום אייבערשטן, ווער רעדט דען נישט צום אייבערשטן? קוק אין שול אלע פלעצער זענען פול, דערוילעם האקט שטיקער....

יא יא יא יא.....

לאך לאך לאך פון מיר, ס'איז גוט פאני, די זאגן און פאלגן יעדע זאך דעם ראש ישיבה ווי א תמים, מ'פאר'תמ'ט ענק דארט, יא יא לאך לאך, אבער באלד וועט מען זיך טרעפן די יארן זענען אנטלאפן און לאמיר זען ווער ס'וועט דעמאלט לאכן...

"לאכן לאכט דער וואס לאכט לעצט" זאגט שטענדיג דער ראש ישיבה!

קוק נישט אויף קיינעם, גיי אן בתמימות, בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט נישט ווערן איין טאג א גרויסער אויבער חכם, געב אכטונג נישט צו האבן א פנים ווי דער וואס שרייט אין שול "הערשי מאכסט מיר בושות", ער זיצט אויפן גמרא און לערנט נישט קיין אות אחת ה"י!

וואויל איז פאר אונז אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין ביים צדיק הערן נאכאמאל און נאכאמאל די לעכטיגע דיבורים לעבן, און זיך מחי' זיין מיט די זיסע עצות אנגיין און זיך גוט גוט אויסלאכן פון דער וועלט!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, שובבי"ם, ד' אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר, מאנסי

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מעשר געלט געבט מען פאר צדקה, נישטא אזא זאך נעמען מעשר פאר זיך; אז מען נעמט מעשר געלט פאר זיך - פארלירט מען פון די שפע.

אינטערעסאנט, דאס איז די ערשטע זאך וואס מען וויל שניידן; ווען מען שפירט א צמצום, טראכט מען די ערשטע זאך מען גייט שניידן פון די צדקה, מען גייט אויסארבעטן צו נעמען די מעשר פאר דאס און פאר יענץ... אז מען איז מצומצם אין די פרנסה - דארף מען די ערשטע זאך תשובה טון, קומען אין שול דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין, און זיך פירן מיט דרך ארץ ביים דאווענען, נישט רעדן מיט קיינעם ביים דאווענען, נישט נוצן דעם טעלעפאן ביים דאווענען.

**אז דו קענסט זיך נישט דעקן - זאלסטו נישט אויפהערן געבן צדקה;** געב דיין מעשר פאר צדקה, און א ברסלב'ער חסיד מיט שכל געבט זיין מעשר פאר אייביגע צדקות, פאר דרוקן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, פארשפרייטן די זיסע ליכטיגקייט פאר די וועלט. אז מען מאכט זיך א חשבון, ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעקוקט אנעם רבי'ן און ווי אזוי זענען מיר מקורב געווארן, נאר דורך די הייליגע ספרים; דארפן מיר מקרב זיין די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

## ישועות אשר בנחל

יעקב ש. איז א באקאנטער קאנטראקטער וואס צייכענט זיך אויס אין זיין ארבעט, ער האט אונטער זיך עטליכע מענעדשערס וואס פארוואלטן אויף א ריזיגע שטאב גוי'אישע ארבעטער.

ביי איינע פון זיינע גרויסע פראיעקטן, רוקט זיך אן פאר צוויי וואכן צוריק אין א מאנטאג נאכמיטאג דער אינספעקטאר, א רשע, א באקאנטער אנטיסעמיט, עס נעמט נישט לאנג און ער רופט אויס א "סטאפ ארדער", דער גאנצער פראיעקט מוז יעצט גיין שלאפן. דער רשע האט גוט געוויסט די צרה וואס ער מאכן אן פאר דעם איד מאנשי שלומינו, ווייל עס איז ביי אים געווען א דבר פשוט אז אין בעסטן פאל, באקומען אלע אפראוועלס און פערמיטן דארף מען דורכגיין שבעה מדורי גהנום. די אלע שטאטישע אפיסעס האבן די וועלטס צייט.

ר' יעקב האט זיך נישט פארלוירן, כאטש ער ווייסט אז זיינע גוים שטייען יעצט ליידיג - ער זעט ווי זיין ארבעט גייט אים לטמיון, און ער קען דא ארויסגיין מיט אומגעהויערע שאדנס. ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטן ער זאל טרעפן אן עצה, נאך התבודדות האט ער גערופן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו פונעם קרן הדפסה, און געבעטן אז ער וויל קויפן א זכות אין אשר בנחל פאר $500 לזכותו.

עס איז נישט דורך קיין גאנצע צוויי וואכן, און דער נס איז געקומען, עס האבן זיך געעפענט פאר אים טויערן און שלעסער וואס איז געווענטליך הערמעטיש פארשלאסן, די פערמיטן זענען אנגעקומען צו אים אויף א גאלדענעם טאץ כמעט אן קיין ארבעט, א זאך וואס איז ממש נגד הטבע.

רופט שוין דעם גבאי אויף 347-578-4449 און זייט מנדב א זכות אין אשר בנחל, א סגולה בדוק ומנוסה פאר אלע מיני ישועות.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ספר אשר היה אל יואל ארויס צום דרוק ב"ה

אין אמעריקע קומט אן די גוטע בשורה אז נאך אסאך תפילות איז דער נייער ספר "אשר היה אל יואל" שוין ארויס אין דרוק.

דער ספר "אשר היה אל יואל" איז א יצירה וואס די וועלט האט נאכנישט געזען, דער ספר איז געשריבן מיט א געוואלדיגע מומחיות, די שרייבער, היימישע אינגעלייט תלמידים פון ראש ישיבה, האבן בסייעתא דשמיא אראפגעלייגט א געוואלדיגע ארבעט, די ווערטער ציען מען זאל לערנען ווייטער, אלע קענען עדות זאגן ווי שיין עס איז געשריבן, און אז מען קען עס ממש נישט אראפלייגן.

אויסערדעם איז עס דורכגעגאנגען גאר א שטארקע הגה, מען האט עס מגיה געווען מיטן אייבערשטנ'ס הילף בי"ג נפה, און דערנאך געלאזט אויסשטעלן און מסדר זיין מיט א הערליכע באַטעמ'טע דרוק וואס לייגט זיך פליסיג און געשמאק.

מען האפט אז צווישן פסח און שבועות זאל מען שוין קענען זוכה זיין צו האלטן דעם נייעם ספר אין די האנט.

מיר דארפן בלויז מתפלל זיין אז די דרוק זאל ארויסקומען שיין און געשמאק און עס זאל אנקומען שנעל קיין אמעריקע, אז מיר זאלן אויך קענען נהנה זיין פון דעם נייעם ספר און ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און האבן די גן עדן דא אויף דער וועלט.

**קחו ברכה אל תוך בתיכם!**

# בילדער פון קרן הדפסה



מען דרוקט איבער ספר אוצר חינוך הילדים



נייע קונטרס "ס'לוינט זיך צו לעבן" ארויס פון דרוק




ספר אשר היה אל יואל ארויס צום דרוק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**יואל אפענהיים**
קרית ברסלב

**יעקב איידליס**
וויליאמסבורג

**נחמן נתן בוים**
קרית ברסלב

**הרוצה בעילום שמו**
לאנדאן

**ישעי האלצער**
קרית יואל

**שמואל ווייס**
בארא פארק

**מענדי שארף**
לעיקוואד

**יצחק יונה זאבעל**
קרית יואל

**ישראל שלום זעלקאוויטש**
קרית ברסלב

**דוד ניישטיין**
בארא פארק

**אלי קנאלל**
מאנסי

**יצחק אייזיק ראטה**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **347.578.4449**

# צום שמייכלען

נאך א שווערע עקסידענט האבן איינע פון די פאראוואונדעטע אויסגעריפן אז זיין אויער איז אראפגעפליקט געווארן ל"ע, און ווער ס'טרעפט דאס אויער און ברענגט אים עס באקומט צען אלפים.

איינע פון די אנוועזנדע ביים עקסידענט האבן געטראפן אן אויער ממש פאסיג פאר אים, איז ער צוגעגאנגען אים פרעגן צו ס'איז זיין אויער, האט ער געענטפערט: "ס'איז נישט מיין, מיין אויער האט געהאט א פענסל דערויף!..."

---

זייט איך האב באקומען לייסענס בין איך געווארן א דענטיסט, יעדער איינער כאפט פון מיר א דענט!...

---

פאריגע מאל איך בין געפארן אין שטעטל זע איך אן ערנסטער אינגערמאן שטייט מיט אין די זייט פונעם 17 הייוועי און גיסט אויס עפעס אן אומבאקאנטע פוידער, אן שטילן מיין נייגער שטעל איך זיך אפ אין א זייט און איך פרעג אים: "ר' איד, וואס איז די מעשה מיט אייך?" זאגט ער מיר: "זייער פשוט, אויב אן עלעפאנט שפאצירט אריין אין א קאר אינמיטן פארן קען עס דאך פאראורזאכן א גרויסער סכנה, דעריבער שפרייט איך אויס די סם וואס לאזט נישט די עלעפאנטן זיך דערנענטערן..." איך פרעג אים צוריק מיט שפאס: "וואס רעדסטו שטותים, דו זעסט ערגעץ עלעפאנטן?" זאגט ער מיר: "זעסט דאך אז ס'העלפט!"

---

א טעראפיסט האט אמאל ארויסגעשטעלט א שילד: "איר רעדט זיך אויס, מיר רעדן אייך איין!..."

---

א איד האט זיך אויסגע-רעדט צו זיין חבר אז ס'פעלט אים קאנפי-דענץ, ער קען ממש נישט זאגן ניין, זאגט ער אים: "קענסט מיר בארגן צען אלפים?..."

---

א איד וואס האט נעבעך נישט געהאט די לימודים פון רבי'ן איז געקומען אין בית דין זיך אפרעדן אז ער וויל זיך גט'ן צוליב דעם וואס זיין ווייב שנארכעצט געפערליך ביינאכט, און ער זאגט פאר די דיינים: "איך האב שוין פארויס געוואוסט אז ענק וועלן מיך נישט גלייבן, האב איך מיטגעברענגט א רעקארדירונג אלס באווייז!" ער צינדט עס אן און די דיינים הערן אז ס'איז אן ערנסטע טענה... נאך ממש א מינוט האט זיך די קולות געהערט פילפאכיג מער, האבן די דיינים אים געפרעגט: "וואס איז דאס?!" האט ער געענטפערט: "אמסאר', פון דא און ווייטער געדענק איך שוין נישט ווייל דא בין איך איינגעשלאפן!..."

---

מ'האט געפרעגט א אינגערמאן: "וואס איז דיין סדר היום?" האט ער געענטפערט: "איך האב א מורא'דיג מסודר'דיגע סדר היום. 5:30 פונקטליך שטיי איך אויף, פון 6:30 ביז 7:30 האב איך א חברותא, און נאכדעם אכט אזייגער ווערט שוין טונקל גיי איך שוין אהיים!..."

# קינדער אפטיילונג פורים תשפ"ד

פאריגע מאל איך בין געווען אין שטאט טרעף איך א גוי א זקן וואס קוקט אויס מינימום ניינציג יאר אלט, אן אייגעבויגענעם ריקן און ווייסע האר, צוויי ציינער פארבליבן אין זיין מויל, ער צורייכערט זיך זיין ציגארעטל און כלאפטשעט א קאווע, איך גיי צו צו אים און איך פרעג אים: "פארוואס האט איר זוכה געווען צו לעבן אזוי לאנג?" זאגט ער מיר: "אז מ'לעבט דערלעבט מען!" פרעג איך אים: מן הסתם האט איר אלץ געגעסן נאר געזונטע עסן א גאנץ לעבן, ניין?" זאגט ער מיר: "ניין! א גאנצן טאג טרינק איך נאר קאווע, אלקאהאל, און איך רייכער ציגארעטלעך, און צומאל דראגס אויך ל"ע", איך בין געווארן אזוי פארוואונדערט, איך פרעג אים: "טאקע? און ווי אלט זענט איר?" ענטפערט ער: "איין-און-דרייסיג יאר אלט"...

א בעל צדקה קומט אריין צו א חתונה און פרעגט דער מחותן: "איר זענט דער בעל שמחה?" ענטפערט ער: "איך זיכט דעם בעל שמחה? קומט נאך מיר." ער נעמט אים אריין צום אפיס פונעם זאל אייגנטומער, און ער זאגט אים: "דו זעסט אים? ער איז דער בעל שמחה, איך בין דער בעל חוב!..."

א באָרא פּאַרק'ער איינוואוינער קומט אהיים אינגאנצן פארסאפעט, און רופט זיך אן צו זיין ווייב מיט א ברייטע שמייכל: "היינט האב איך פארדינט דריי דאלער! איך האב געוואלט נעמען די באָרא פּאַרק באס פון ווילאמסבורג קיין באָרא פּאַרק, למעשה האב איך פארפאסט די באס מיט ממש א מינוט, האב איך נאכגעלאפן די באס ביז באָרא פּאַרק און זיך געשפארט די דריי דאלער וואס די באס פארלאנגט!" רופט זי זיך אן: "אזא שאד, ווען דו לויפסט ווען נאך א טעקסי וואלטסו זיך געשפארט דרייסיג דאלער!..."

אין די צייטן פון קאמוניזם האט א איד זיך געגרייט צו אנטלויפן פון רוסלאנד, זיי האלטן זיך אינמיטן פאקן, ס'איז דריי אזייגער פארטאגס, מ'פארט שוין ארויס אין עטליכע מינוט, פלוצלינג הערט מען א קלאפ אין טיר, זיי פרעגן: "ווער איז דארט?" מ'הערט ענטפערן: "די פאסט טרעגער", נאכן עפענען דעם טיר זעען זיי דריי באוואפנטע קע. ג. בי. אגענטן פרעגן: "דו ווילסט ארויספארן פון לאנד?" "יא" ענטפערט ער, "פארוואס ווילסטו ארויספארן פון אזא גוטע לאנד - רוסלאנד?" האט ר' אנשיל געענטפערט: "איך גלייך נישט צו וואוינען אין א לאנד ווי מ'ברענגט די פאסט דריי אזייגער בייננאכט!"

איינער האט זיך אויסגערעדט צו זיין טעראפיסט זאגנדיג אז ער האט נישט קיין געלט, זאגט ער אים: "קום צוריק ווען דו האסט!"

און צום שלוס: איר האט הנאה געהאט פון די ווערטלעך? ווייזט ארויס אייער הכרת הטוב און זייט מקיים מתנות לאביונים דורכן ארויסהעלפן אן ארימע משפחה, א טאטע, מאמע און דריי קינדער:

דער טאטע איז אגאנצן טאג אין שפיטאל (ווייל ער איז א דאקטער)
די מאמע גייט ליידער מיט א שטעקן (ווייל זי דארף טרייבן די קינדער)
דער עלטסטער זון קען נעבעך נישט עסן (ווייל ער איז שוין זאט)
דער צווייטער קינד איז ל"ע אוועק (געפארן קיין ארץ ישראל)
דער דריטער קינד קען נעבעך נישט גיין (ווייל ער איז איין חודש אלט)

א פריילעכן פורים!

ועתה כתבו לכם

על ידי אנשי שלומינו

## זכות פרשה מיוחדת $3600

**וירא** – עקידה

**תולדות** – ברכת יצחק

**ויחי** – ברכת יעקב

**בשלח** – שירת הים | פרשת המן
מו״ה יוסף פריעדמאן הי״ו

**יתרו** – עשרת הדברות

**כי תשא** – פרשת הקטורת

## זכות פרשה $1800

| | |
|---|---|
| **בראשית**<br>מו״ה העניך אינדיג הי״ו | **וארא**<br>מו״ה משה יחיאל פעלדמאן הי״ו |
| **נח**<br>מו״ה ישראל דוד העסקעל הי״ו | **בא**<br>מו״ה אברהם צבי וועבערמאן הי״ו |
| **לך לך**<br>מו״ה אפרים פעלדמאן הי״ו | **משפטים** |
| **חיי שרה**<br>מו״ה מרדכי אהרן הײלפרין הי״ו | **תרומה**<br>מו״ה אשר לעמיל זוסמאן הי״ו |
| **ויצא**<br>מו״ה יצחק אייזיק קאהן הי״ו | **תצוה** |
| **וישלח**<br>מו״ה אברהם דוד לאקס הי״ו | **ויקהל** |
| **וישב**<br>מו״ה יעקב ראטטענבערג הי״ו | **פקודי** |
| **מקץ** | **ויקרא** |
| **ויגש** | **צו**<br>מו״ה דוד פוקס הי״ו |
| **שמות** | **שמיני** |
| | **תזריע**<br>מו״ה זאב סטרולאוויטש הי״ו |

## זכות ידיעה $1000

מו״ה שמעון עוזר מיטטעלמאן הי״ו

זכות ספ...

ברא...

שמ...

ויק...
מו״ה א...
שמן...

במ...

דב...
מו״ה ...
אונגא...

צו קויפן א זכות רו...

## זכות פרשה מיוחדת $3600

**בחוקותי** – ברכת פרנסה
מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו

**נשא** – ברכת כהנים

**ואתחנן** – עשרת הדברות

**עקב** – פרשת היראה

**האזינו** – שירת האזינו
מו"ה מרדכי יודא לעווין הי"ו

**וזאת הברכה** – ברכת משה רבינו
מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו
לע"נ מוה"ר חיים זאנוויל בן ר' משה

## זכות פרשה $1800

**מצורה**
מו"ה יודא ליבערמאן הי"ו

**אחרי**

**קדושים**
מו"ה אלי' מזרחי הי"ו

**אמור**

**בהר**

**במדבר**

**בהעלותך**

**שלח**

**קרח**
מו"ה יקותיאל יודא אפפעל הי"ו

**חוקת**
מו"ה יודא ארי' ראטה הי"ו

**בלק**

**פנחס**

**מטות**

**מסעי**

**דברים**

**ראה**

**שופטים**

**כי תצא**

**כי תבוא**

**נצבים**

**וילך**

## זכות עמוד $500

- מו"ה אלעזר צבי שניטצלער הי"ו
- מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו
- מו"ה נפתלי בוים הי"ו
- מו"ה שמואל בער שניטצלער הי"ו
- מו"ה הלל ווייס הי"ו
- מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו

תלמידי היכל הקודש

$5000

845-295-1500

dimacreatives.co

ש.ל. פליישמאן



# שיינער אין גראמען

ב' ויקהל תשפ"ד
לעידיס אקזולערי פארטי

## פרישע גאזאלין

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען קען שנעל ווערן שוואך, עס אנטמוטיגט פון טוהן פארן ציבור חסד אקטיוויטעטן, אויב מען ווארט אויף מענטשן'ס אנערקענונג. דאגעגען אויב חזר'ט מען זיך אז מען ארבעט פארן אייבערשטן, באנייט מען זיך כסדר מיט פרישע כוחות צו קענען ווייטער טוהן.

*נעכטן בין איך געקומען*
*צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.*
*געווארן בין איך איבערגענומען*
*מיט געפילן פאזיטיווע!*

ווידער מען קלאפט אין טיר,
דער דיין ענטפערט שאלות,
דער מלמד פאר די קינדער.
קאמפלימענטן מיט התפעלות...

דער מגיד שיעור מיט יעדן בחור,
א קשר אנקניפן,
די מנהלת פאר יעדע מיידל.
א שמייכל אויף די ליפן...

א פרישטאג זי קאכט,
פאר א קימפעטארן,
ביים באזאר קליידער נאך.
העלפט אידישע געלט שפארן...

אנגעפילט מיט גאזאלין,
מען שפירט נישט אויסגעברענט,
חסד פאר אנדערע צו טון.
פון וואו כוחות מען נעמט?

אז מען ווארט נישט - ווען
וועל איך שוין ווערן אנערקענט,
א טיפ אדער קאמפלימענט,
פון מענטשנ'ס הענט,
פילט מען נישט אויסגעברענט...

נאר ארויף די אויגן געווענדט,
ביים באשעפער ווערן אנערקענט.
פאר אים כוחות מען ספענדט,
ער וועט צוריק צאלן מיט פראצענט!!!

*מלמד*
*טיטשער*
*העלפן א קימפעטארן*
*מסדר זיין די באזאר*
*חלוקות*
*פרייע מאלציייט*
*מנהל*
*דיין*
*מגיד שיעור*
*השבת אבידה*
*הפצה*
*בית הדפוס*
*הצלה/מצילי אש*
*חברים*
*ילדי שעשועים*
*לעידיס אקזולערי*
*מקווה טהרה*
*שמש/גבאי*
*קאכן פאר חתונות*
*קריאה מומחה*
*קרית ברסלב בלעטל*
*גליון/קול ברסלב*
*כולל פאנדרעיזינ*
*קעכער*
*מוסדות אפים*
*עירוב*

פאר די ברסלב'ע שטוב

א. פאפענהיים

# מרדכי הצדיק'ס הכשר



וועלכע קלייד זאל איך אנטון ביי די גרויסע פארטיי?

מרים איז געשטאנען ביי איר שאפע און פארזיכטיג איבערגעבליקט אירע קליידער. זאל איך אנטון מיט די בלומעלעך פון פארנט? אדער מיטן גרויסן ווייסן קאלנער? ניין די מערסטע וועט זיין פאסיג די סעט מיט די בלויע שטרייפן. אבער איין מינוט... איך גיי דאך אויך אביסל בעיביסיטן די קינדער, אפשר וועל איך דארט ווערן פארשמירט? ווייסט וואס, ביים בעיביסיטן וועל איך אנטון די קלייד מיט מער טונקעלע קאלירן, נאכדעם וועל איך עס טוישן אויף א פאסיגערע סעט. אבער קוק, די קנעפל גייט כמעט אראפפאלן איך וועל עס יעצט געבן א ניי צו פאר עס פאלט אראפ, און אזוי וועל איך וויסן אז איך בין שוין גרייט.

זי איז אריין אין אנדערן צימער ארויסצונעמען די פושקע פון ניי זאכן, ווען זי שפרינגט אונטער פון ערווארטונג, נאך א מזל אז מיין מאמע איז אריינגעדרייט ביי די וואס גרייטן אן די פארטי, אזוי ווייס איך אז מען גייט אויך קענען ברענגען קליינע קינדער, און עס וועט זיין צוגעשטעלט פאר זיי די בעסטע עסן און מעכטיגע ריידס. אויך וועט זיין בעיביסיטער'ס, אז די מאמעס זאלן קענען הנאה האבן, און פארשטייט זיך אז די בעיביסיטער'ס וועלן נאכדעם באקומען פאסיג באצאלט און ווערדפולע מתנות אזוי אז עס לוינט באמת.

די טיר פון הויז האט זיך געעפנט און מרים האט געהערט איר טאטנ'ס "א גוטן אוונט!"

"א גוטע נאכט!" איר מאמע קומט ארויס פון קאך "ווי אזוי איז געווען דיין טאג היינט? דא איז דא פרוכט אויב דו ווילסט."

"אה, שכח, דער טומל אין די גאסן איז שרעקליך!" ער זיפצט אפ, און פאלט אריין אין נאנסטן ענקל.



"יא, וואו מען שטייט און וואו מען גייט רודערט זיך וועגן די גרויסארטיגע פארטי"...

"דער מצב איז גארנישט פשוט - קרעכצעט איר טאטע - אז די גאסן דרייט זיך איבער פון דעם פארשטיי איך, אבער וואס עס האט זיך היינט אפגעטון אין בית המדרש...

פרעג שוין נישט, דער רב האט דורך געטון די צדדים און גע'פסק'נט אז מען טאר בשום אופן נישט גיין דארט...

אאאאאאאאססססססססססס?!?!?!?!

די נאדל איז ארויסגעפאלן פון מרים'ס האנט, - נישט - גיין - צו - די - פארטי???

ערשטנ'ס האט זי זיך פארגעהאלטן האסטו זיך אונטער געהערט א שמועס פון דיין טאטע מאמע... שוין לאמיר צומאכן די טיר, איך וועל שוין באלד הערן וואס צו טון למעשה, אבער... אבער... יעדער גייט גיין!!!!!

און מאמי פירט דארט אן די בעיביסיטינג... און בכלל ווי אזוי קען זיין אז מען טאר נישט, שושנה'ס טאטע איז דער קעכער, און ער קאכט פלייש נאר פון די השגחה פון מרדכי הצדיק אליין!!!!! אויב מען טאר נישט גיין, דעמאלט דארף דארף אויך נישט זיין כשר'ע עסן...

"מרים?!" - יא מאמי איך קום שוין - זי האט אוועקגעלייגט איר קלייד און אריין אין קאך.

"וואו איז טאטי? איך זע אז ער האט נאכנישט געגעסן". איר מאמע האט זיך ביטערליך צושמייכלט, "יא, טאטי האט נישט געקענט עסן, ער האט געמוזט צוגיין ערלעדיגן עפעס, אבער דו קום יעצט עסן".

זי האט זיך צוגעזעצט צום טיש.

"דו ווייסט מרים? - האט די מאמע אנגעהויבן - עס קען זיין אז מען וועט נישט גיין צו די גרויסע פארטי"...

אבער... אבער...

איך ווייס אז דו האסט אסאך שאלות, ווארט ביזן סוף איך וועל דיר אלעס פונקטליך מסביר זיין, די זאך איז אזוי; מרדכי הצדיק זאגט אז מען טאר נישט גיין דארט, און איך וועל דיר זאגן דעם אמת, היינט בין איך געווען אין פאלאץ כדי צו אויסרעכענען פונקטליך ווי אזוי עס וועט צוגיין מיט די קינדער, און איך האב געזען אז מען גייט זיצן ממש מיט די גוים צוזאמען, עס האט מיר אנגעכאפט א עקל און א גרויל.

אבער פון צווייטן זייט, האב איך דארט אויך געזען אסאך היימישע קעכער'ס - דיין חבר'טע שושנה'ס טאטע צווישן זיי - און זיי קאכן אלעס מיט די בעסטע הכשרים, מרדכי הצדיק אליין האט איבערגעקוקט אז אלעס זאל זיין כשר למהדרין מן המהדרין... וועגן דעם איז טאטי זייער צומישט. פון איין זייט זאגט מרדכי הצדיק מען טאר נישט גיין, אבער למעשה שטעלט ער אליין צו כשר'ע עסן פאר אלע אידן, אפשר מיינט עס אז מען דארף יא גיין???

א קלאפ האט זיך געהערט אויפן טיר און דער טאטע איז אהיים געקומען, מרים האט זיך

אויפגעשעטעלט און באגריסט איר טאטע.

„נו? וואס איז געווארן?” האט איר מאמע געפרעגט געשפאנט...

איר טאטע האט אויסגעזען פארלוירן, ער האט זיך אראפגעזעצט

**פון איין זייט זאגט מרדכי הצדיק מען טאר נישט גיין, אבער למעשה שטעלט ער אליין צו כשר'ע עסן פאר אלע אידן. וואס וויל באמת מרדכי הצדיק מען זאל טון???**

אינעם נאנטסטן בענקל אנמאכט, „איך ווייס נישט... איך קען נישט באשליסן וואס צו טון”...

„איך האב יעצט גערעדט מיט ירחמיאל, נו, יענער עסקן וואס דרייט איבער די גאנצע שטאט.”

„ווער? יענער וואס האט געהאלפן פארן שכן אנטקעגן, זיך ארויסדרייען פון א הויכן אומזיסטן שטייער?”

„יא, יא - האט דער טאטע צוגעשאקלט מיטן קאפ - ער קען זיך גוט אויס אין אלע פארדרייטע געזעצן און ער טענה'ט אז מען מוז גיין צו די סעודה... ער זאגט אז אחשוורוש איז א מענטש וואס דארף נישט מער ווי אביסעלע כבוד, אויב ער וועט זען אז אלע קומען און נאר די אידן נישט, קען אים עס זייער אויפרעגן, אבער אויב די אידן וועלן אויך קומען, קען מען אים פשוט אונטערקויפן מיט דעם און עס וועט ארויסקומען גרויסע טובות נאכדעם”...

„אבער מרדכי הצדיק זאגט דאך פונקט פארקערט” - קען איר מאמע נישט פארשטיין...

„ירחמיאל זאגט אז עכט מיינט נישט מרדכי הצדיק אז מען זאל נישט גיין, והא ראי' ער שטעלט דאך צו די כשר'ע עסן דארט”...

אבער ער זאגט דאך אזוי קלאר נישט צו גיין...

איך ווייס נישט... איך פארשטיי נישט...

* * *

מיר ווייסן היינט זייער גוט אז מרדכי הצדיק האט געזען אז די אידן האלטן נישט ביים פאלגן האט ער געזען די עסן זאל כאטש זיין כשר און די אידן זאלן נישט נכשל ווערן מיט טריפות, אבער וויפיל מאל מאכט זיך אז מען פרעגט א דעת תורה און מען וויל נישט פארשטיין???

אבער ווען די אידן האבן געזען אז די מצב איז ביטערער האבן זיי געפאלגט אן קיין קשיות אפילו ווען מרדכי הצדיק האט געהייסן פאסטן אין די טעג פון פסח, זיי האבן נישט געגעסן קיין מצות, און נישט געטרונקען קיין פיר כוסות, און טאקע דאס האט צוגעברענגט די ישועה.

די ישועה ציט זיך נאך ביז היינט, קימו וקיבלו היהודים - די אידן האבן מקבל געווען די תורה פונדאסניי מיט א ליבשאפט און גרייטקייט צו פאלגן וואס די צדיקים הייסן, אויך ווען די אייגענע שכל זעט אויס פונקט פארקערט, און נאר אזוי קען מען אמת'דיג טון דעם רצון השם.

אין יעדן דור זאגן די צדיקים וויאזוי מען דארף זיך פירן, אסאך מאל קען עס אויסזען אז דאס איז אפשר נישט די ריכטיגע וועג, און די אנדערע זענען גאר וואס זאגן דעם אמת, אבער צום סוף שטעלט זיך ארויס אז די צדיקים - וואס ברענגען אריין דעם אייבערשטן אין די וועלט - זענען גערעכט מיט יעדע זאך וואס זיי זאגן.



לאמיר בעטן דעם אייבערשטן „הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען פאלגן די צדיקים א גאנץ לעבן אן קיין חכמות.”

# קליין און פיין



אברהם יודא
יאקאבאוויטש



תלמוד תורה
קרית ברסלב



יואליש און עמרם ראטה
קרית ברסלב



צפורה בירנבוים
קרית ברסלב



מרדכי יצחק פערל
ירושלים סיום סדר מועד



משפחת אינדיג - קרית ברסלב



יודל כץ - וויליאמסבורג



עטי כץ - קרית ברסלב



בית פיגא קרית ברסלב

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



אליעזר שלמה און נחמן נתן שניטצלער - קרית ברסלב



אליעזר שלמה בוים - קרית ברסלב



שמואלי בירנבוים - קרית ברסלב משלוח מנות



נחמן נתן און יחזקאל רוטה קרית ברסלב



נחמן נתן סאמעט - קרית ברסלב



ריקי שניטצלער - קרית ברסלב



שלמה אפעלדארפער

# א פרייליכן פורים!

זיבעטע קלאס - בית צ׳יגא קרית ברסלב

**געשריבן דורך: לאה גיטל ניישטיין**

פורים, ווען מ׳הערט נאר די ווארט,
טראכט מען פון פארשטעלאכטס, משלוח
מנות און שיכורים אין יעדע ארט.

יום כיפורים זאגט מוהרא״ש
איז נאר אזוי ווי פורים,
קומט אויס אז די טאג פון פורים אליין,
איז גאר הייליג לויטער און ריין.

דער יצר הרע פרובירט אונז צו פארמישן,
פון תפילה זאלן מיר פארגעסן,
מאכט ער אלע אינטערעסאנטע זאכן,
מען זאל די מויל צום אייבערשטן נישט
אויפמאכן.

נישט קיין חילוק ווי מען איז,
זיין פרייליך מ׳מוז.

גרייט זיך און מיט תפילה אסאך,
באשעפער גאנץ פורים זאל איך זיין נאר
פרייליך, און רעדן צו דיר אין מיין אייגענע
שפראך!

~ ~ ~

**געשריבן דורך: חי זירל פורסט**

פורים קומט צו גיין,
אלע טוען פרי אויפשטיין.

פארשטעלן טוט מען זיך שנעל
ווייל פורים איז שוין דא ביים שוועל.

אבער א מיידל וואס האט שכל
זעצט זיך אראפ מיט א תהלים׳ל.

זי ניצט אויס די צייט,
וואס דאס קומט אן וייט.
נישט די פארשטעלאכטס איז די זאך,
נאר זע גוט צו געבן א לאך.

~~~

**געשריבן דורך: רייזל איידליס**

איך
דאנק דיר
רבונו של עולם

~~~

**געשריבן דורך: חי שרה יאקאבאוויטש**

מאמי פורים וויל איך ליגן אסאך מעיקאפ,
קום קויפן משלוח מנות נישט מאכן אליין אין
טאפ.

א שאד מיר זענען נישט רייך,
איך וואלט געווען פרייליך אסאך.

אנטשולדיגט אייך,
ס׳דא נאך א זאך,
אויף די וועלט,
חוץ פון געלט.

געלט מאכט נישט פרייליך,
נאר רעדן צו די אייבערשטער און זיין ערליך!

~~~

**געשריבן דורך: רייזל וועבערמאן**

פראביר דאס אויס,
ווען דו האסט צייט געב זיך ארויס.
רעד צום אייבערשטן איין ווארט,
יעצט וועסטו שפירן פרייליך אין יעדן ארט.
מיטן באשעפער וועט אלעס זיין גוט.

**א פרייליכן ליסטיגן פורים**


~~~

# מתנות לאביונים

# בו ביום



**נעמט א חלק אינעם גרויסן
מצוה מתנות לאביונים בו ביום
פאר עניי עירך אנשי שלומינו.**

סעודה למשפחה $72 | משתה היין $120 | סעודת פורים $360

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

dimcreatives.co

# בילדער

## אפטיילונג





קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: לייבי ראטה

וועכענטליכע דאנערשטאג נאכט שיעור אין ביהמ״ד היכל הקודש סטעטן איילענד - ה׳ ויקהל תשפ״ד




קרעדיט: שמעון פארטוגאל

מלוה מלכה אין ביהמ״ד אויף האשקי אין שטעטל מוצש״ק ויקהל תשפ״ד


קרעדיט: דוד דייטש

סעודת ראש חודש מיט סיום אין היכל הקודש אין לינדען - א׳ פקודי תשפ״ד


קרעדיט: אפרים שמעון בלומענקראנץ

ראש חודש דאווענען מיט די תלמוד תורה קינדער אין וויליאמסבורג - ב׳ פקודי



**בחורי ישיבה אין ירושלים פרייען זיך ביים מסיים**
**זיין חומש שמות - ב׳ פקודי תשפ״ד**





**סיום הש״ס פון הבה״ח יהודה בן ר׳ יואל שכטער**
**אין ישיבת היכל הקודש ירושלים ה׳ פקודי תשפ״ד**






**קביעת מזוזה אין שטוב פון מו״ה ישראל העסקעל**
**הי״ו -ה׳ פקודי תשפ״ד**

קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: יוסי פרערויא




**מסיבת הכרת הטוב פארן רענט קאמפיין**
**ליל שישי פקודי תשפ״ד**



















קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: יוסי פררויא












**מתנות געטיילט ביים רענט קאמפיין**


קרעדיט: לייבי ראטה




קרעדיט: לייבי ראטה

**דער ראש ישיבה באקוקט די נייע קונטרסים אין בית הדפוס - ה פקודי**


קרעדיט: שמעון פיש


קרעדיט: שמעון פיש

**א באזוך אין שטעטל - ה פקודי**


קרעדיט: ישראל דוד העסקעל

**בר מצוה פון נחמן נ״י בן מו״ה ישראל פוקס הי״ו**
**אין שטעטל - ה׳ פקודי**


קרעדיט: אפרים שמעון בלומענקראנץ

**תפילין לייגן פון הבחור נחמן פוקס נ״י**
**ערב שבת פקודי**





אבות ובנים אין היכל הקודש קרית יואל העיס










געעפנט א נייע בית המדרש אין די שטאט אלעד








## YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

---

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

### THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

*- Simcha Salz -*

## OUR SERVICES



HOMEOWNERS



RENTERS




TRAVEL



BUSINESS



EMPLOYEE HEALTH



AUTO INSURANCE

### CONTACT US:

**SALZ & ASSOCIATES LLC**
212-725-9467
www.salzandassociates.com

**SALZ REALTY GROUP LLC**
212-725-9734
www.salzre.com

**SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC**
212-725-9467
www.salzinsurance.com



# רבותי ס'קומט א
# גרויסע חלוקה

## עס מוז געשאפן ווערן פון יעצט ביז פסח
# $150,000

טייערע
ברידער
העלפט אייערע
הארציגע
ברידער

## רופט אייך אן מיט אייערע
## ברייטהארציגע נדבה

הנהלת בית התבשיל

# מלמדים קאמפיין פ

## שטעטל

### הרב יעקב יאקאבאוויטש שליט"א
### הרב ארי לונגער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב בערל שניטצלער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב אשר קרויס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב יואל משה פליישמאן שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

## וויליאמסבורג

### הרב יעקב איידליס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב נחמן ניישטיין שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב ישעי' איידליס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

### הרב דוד פוקס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 $500 $500

# סח תשפ״ד

חירותינו
באפרייט פון אלע חובות
מלמדים קאמפיין תשפ״ד

איך שלעפ א בארג פון חובות, פון צאלן מלמדים און טיטשערס. ווען איך זע ווי מיינע תלמידים העלפן מיר, געבט דאס מיר כוחות ווייטער אנצוגיין.
(עצתו אמונה)

### הרב הערשל שניטצלער שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

### הרב נחמן נתן קרויס שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

### הרב יחזקאל סאמעט שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

## קרית יואל

### הרב יואל טייטלבוים שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

### הרב לוי יצחק ווערטהיימער שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

## ישיבה קטנה

### הרב יוסף שניטצלער שליט״א
$18,500
$5000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$1000 | $1000 | $1000 | $1000
$500 | $500 | $500

We accept most insurance plans




+admarkny.com

# Care at home you can trust.

**OUR AT HOME SERVICES :**
PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.

Now Servicing the Liberty Area

**718.208.2030**
Info@medeasecare.com / medeasecare.com

Medease
CARE AT HOME

MON-THURS: 3:30PM-10PM | MOTZEI SHABBOS: FROM 1/2 HOUR AFTER THE ZMAN

פרייליכע מעלדונג
פאר תושבי קרית ברסלב

# מיר וואשן טליתים ווי שפאגל ניי

ווי אויך קענט איר ביי אונז קויפן נייע טליתים און
מיר וועלן איבערמאכן אייער עטרה ווי שפאגל ניי

CUSTOM
SHOWROOM

יענקי מיט יענקי

347.641.3618

aimcreatives.co

באדר משמיעין על השקלים:



# מתנות לאביונים בו ביום.

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

וויליאמסבורג:
הראש ישיבה שליט"א

קרית ברסלב:
ר׳ אהרן וועבערמאן
347.466.2410

בארא פארק:
ר׳ יענקי פיש
347.295.6118

קרית יואל:
ר׳ יואל טייטלבוים
845.467.5299

ירושלים:
ר׳ יצחק פאפענהיים
01197252712841 6

טבריה:
ר׳ יוסל סאקס
0119725041 1642

רופט היינט מיט אייער ברייטהארציגע שטיצע.

marketedge • 718.207.8863

בעזרת השם יתברך

# פרנס החודש

## אלקא דמאיר ענני



# שטר שותפות

מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו

קרית ברסלב – ליבערטי

האט אויסגעוועלט צו זיין א פולקאמער שותף אין די הייליגע לימוד התורה פון די תינוקות של בית רבן

**אין ארץ ישראל על טהרת הקודש**

און איז מנדב מיטן אייבערשטנס הילף די סכום פון

## $ 7,200

## פרנס החודש

חודש אדר א' תשפ"ד

די גרויסע זכותים לימוד התורה פון די טייערע תינוקות של בית רבן אין ארץ הקודש על טהרת הקודש שלא טעמו טעם חטא וועט אייך זיכער ביישטיין, איר זאלט זען אסאך אידיש נחת פון די קינדער, און האבן שפע ברכה והצלחה, מיט אריכות ימים ושנים טובים.

חתימת השותף הי"ו

שבתי מזרחי

חתימת ההנהלה

מוסדות היכל הקודש באהל הקודש

מוסדות היכל הקודש באהל הקודש

צדקת רבי מאיר בעל הנס

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# Pesach Package

Makes a great upsherin gift




Package Includes:

- 12” round vinyl matzah bag w/ zipper
- 5 oz. stainless steel cup
- 11”x7” pillow

Stick It
MAKE IT YOURS
(646)504-9376